UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

## Title
L. A. Yiddish Culture Club / L. A. Yidisher Kultur Klub

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/81v5r6h0

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 4(1)

**Authors**
Friedland / Fridland, I. / Y.
Kapeloff / Kapelof, M. / M. L. / L.

**Publication Date**
1953

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# לאָס אנגעלעסער יידישער קולטור קלוב

דער זשורנאַל „חשבון" איז געוואָרן ביים לאָס אנגעלעסער יידישן קולטור קלוב, אַ יערלעכע אויסגאַבע. געוויינלעך, פֿילן זיך די ארויסגעבער פֿון אַ זשורנאַל באַרעכטיקט, צו פֿאַרנעמען די שפּאַלטן פֿון זייער אויסגאַבע, מיט שבחים פֿון די אויפֿטואונגען פֿון דער אייגענער אָרגאַניזאַציע. מיר באַטראַכטן עס פֿאַר איבריק. ניט מיר ווילן עס און ניט מיר דאַרפֿן עס טאָן. מיר האַלטן פֿון כּלל אַז מעשׂים ריידן מערער ווי ווערטער.

מיר ווילן בלויז ציִען דעם אויפֿמערק, פֿון אונדזערע חשובֿ'ע לייענער פֿון „חשבון" אויף דער רשימה פֿון די אַלע קולטורעלע און ליטעראַרישע אָוונטן וואָס דער קלוב האָט דורכגעפֿירט אין משך פֿון לעצטן זמן, 1952-53. פֿון דעם אַליין קען מען זיך שוין שאַפֿן אַ גענויען באַגריף, אַז אונדזערע טוער ביים יידישן קולטור קלוב זיינען ניט אָפּגעשטאַנען, ניט מיד געוואָרן, נאָר וואָך-איין וואָך-אויס, ממשיך געווען די קולטור טואונגען, מיט ניט ווייניקער עקשנות ווי אין די פֿריערדיקע יאָרן. גענוג בלויז צו דערמאָנען אַז ס'זענען דורכגעפֿירט געוואָרן אין דעם פֿאַרגאַנגענעם זמן: 42 שבת-צונאַכטן, מיט ליטעראַריש-קינסטלערישע און יידיש-מוזיקאַלישע פּראָגראַמען און, 48 קולטורעלע מאָנטיקן, מיט איינלייטונגען און רעפֿעראַטן איבער כּל-ערליי געזעלשאַפֿטלעכע, קולטו-רעלע און וויסנשאַפֿטלעכע ענינים.

די באַזוכערשאַפֿט צו די דערמאָנטע אָוונטן זיינען אויך געווען גאַנץ באַ-דייטנדיק: צו די שבת-צונאַכטן זיינען געקומען אַן ערך צווישן 200 און 250 מענטשן און צו די מאָנטיקדיקע לעקציעס צווישן 40 און 50 באַזוכער. האַלטן מיר, אַז ווען ס'קומען זיך צוזאַמען אַזאַ עדה יידן, וואָך-איין וואָך-אויס, צו הערן אַ יידישן רעפֿעראַט, אַ יידישן וואָרט-קינסטלער וכו'; און לעבן זיך אויס, אַזוי צו זאָגן, אין אַן אמת'ער יידישער קולטור סביבה, איז עס ניט נאָר אַ דערגרייכונג נאָר אפֿילו אַ מדרגה אין אונדזער, וואָס אַמאָל שטאַרק פֿאַרענג-טע-אַסימילירטער יידישער גאַס.

מיט דער דערעפֿענונג פֿון דעם נייעם זמן תשי"ד, 1953-54, טרעט אַריין אונדזער יידישער קולטור קלוב, אין דעם 28טן יאָר פֿון זיין גלאָרייכן עקזיסטירן. אַלע יאָר וועלן מיר אויך דעם יאָר זוכן אויסברייטערן אונדזער אַקטיווי-טעטן, פֿאַרמערן אונדזער מיטגלידערשאַפֿט, פֿאַראינטערעסירן וואָס מערער באַזוכער צו אונדזערע קולטורעלע און ליטעראַרישע צוזאַמענקונפֿטן.

ס'איז כּסדר געווען אונדזער הייסטער וואונטש אַז די יידישע יידן אין לאָס אַנגעלעס, וועלכע זיינען ניט פֿאַרפֿאַנצערט אין אַ פּאַרטייאישער דאָגמאַ, מיט אַן אָפֿענעם אויער און אַ וואַרעם האַרץ, פֿאַר אַלץ וואָס איז עכט יידיש ...על אין אונדזער לעבן; זאָלן ווערן שותּפֿים צו אונדזער פּרעכטיקן ... בנין און אַנטייל נעמען אין די טואונגען פֿאַר אונדזער אַלזייטיקער ... קולטור.

מיר האָבן קיינמאָל ביי קיינעם ניט בודק געווען זיין פּאָליטישן פּאַספּאָרט אונדזערע טירן זיינען כּסדר אָפֿן פֿאַר יעדן איינעם, וואָס באַטראַכט זיך ...קענדיקער „ייד און מענטש".

...לסט זיך, לכן, אַז אין דעם איינציקאַרטיקן לאָס אנגעלעסער יידישן קלוב — „אַ היים פֿאַר יידישן מענטשן אין אַ יידישער סביבה".

**י. פֿרידלאַנד**, פּרעזידענט

**מ. ל. קאַפּעלאָף**, סעקרעטאַר